**אויף באלדיגע פובליקירונג:** 9/23/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**דורכאויס קלימאט וואך האט גאווערנאר האוקאל אנאסירט די עפענונג פון ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדאפטיגקייט צענטער ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פארק**

***אינסטיטוציע וועט מאכן פארשריט מיטן פארשטיין די קאנסעקווענצן פון קלימאט טויש***

***טייל פון דעם פראיעקט געציהלט צו רעדוצירן פארפלייצונגען, פארבעסערן וואסער קוואליטעט לענגאויס מיל ריווער קארידאר***

***שאפט א פלאץ וואו לאקאלע יונגווארג און פאליציי קענען זיך צוזאמטרעפן אויף א פאזיטיוון אופן***

***רענאוואציע פון טעניס הויף קאמפלעקס פארענדיגט***

דורכאויס קלימאט וואך האט גאווערנאר האוקאל אנאסירט די עפענונג פון די 8.3 מיליאן דאלארדיגע ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדאפטיגקייט צענטער (Environmental Education and Resiliency Center) ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פארק אין נעסאו קאונטי. אין די 8,000-סקווער-פיסיגע צענטער וועט מען קענען באקומען א לערנען ערפארונג איבער די טעמעס פון שטורעם שטאנדהאפטיגקייט און איבער ענווייראמענטאלע פארוואלטונג; עס האט פלאץ צו מאכן פארבינדונג מיט די קאמיוניטי; און דינט אלץ עמערדזשענסי קאארדינעישען צענטער דורכאויס קאטאסטראפע אפרוף. די צענטער איז טייל פון א 35 מיליאן דאלארדיגע פראיעקט אין די פארק צו רעדוצירן די סכנה פון פארפלייצונגען, פארבעסערן די וואסער קוואליטעט און פארבעסערן די צוטריט פאר פארוויילונג צו די מיל ריווער קארידאר, אלעס איז טייל פון 'Rebuild by Design—Living with the Bay' (בויט צוריק מיט דעזיין—לעבן מיטן וואסער איינגאס), אויסגעצאלט דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון האוזינג און שטאטישע אנטוויקלונג (Department of Housing and Urban Development).

"די העמפסטעד ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדהאפטיגקייט צענטער איז א ביישפיל פון ניו יארק סטעיט'ס פארגעשריטענע ארבעט צו באשיצן די ענווייראמענט אין די עפאכע פון קלימאט טויש און צו פארברייטערן צוטריט צו געזונטע, דרויסנדיגע פארוויילונג", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט**. "די איינוואוינער פון לאנג איילענד ווייסן ערשט-האנטיג וויאזוי די שעדליכע קאנסעקווענצן פון עקסטרעמע וועטערס באטרעפן זייערע קאמיוניטיס. די צענטער וועט אויסשטאטן באזיכער מיט די קענטעניס וואס זיי דארפן האבן זיך צו קענען אנשליסן אינעם קאמף קעגן קלימאט טויש, באשיצן אונזער ענווייראמענט פאר צוקונפטיגע דורות און ערמוטיגן מענטשן ארויסצוגיין און הנאה האבן פון די וואונדערבארע פארק."

יעדע יאר דורכאויס קלימאט וואך, טוט ניו יארק סטעיט פארמערן די אויפמערקזאמקייט איבער די קאנסעקווענצן פון קלימאט טויש ארבעטנדיג צוזאמען מיט לאקאלע, נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע שותפים. קלימאט וואך גיבט די געלעגנהייט פאר די סטעיט צו ממשיך זיין איר פירערשאפט מיטן אונטערנעמען שריט צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און באפעסטיגן אינפראסטראקטור קעגן עקסטרעמע וועטער.

די ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדהאפטיגקייט צענטער איז פלאצירט נעבן די מערב ארייננגאנג צו די העמפּסטעד לעיק סטעיט פארק, נעבן לעיקוויו און העמפּסטעד ווילעדזש – צוויי שווארצע קאמיוניטיס וואס באשטייען פון מענטשן פון פארשידענע אפשטאמען. די צענטער וועט דינען אלץ די הויכפּונקט פון די פארק'ס פארבעסערטע טרעיל פארבינדונגען צום וואסער, און אזוי אויך וועט עס צושטעלן דירעקטע צוטריט צו די לעיק און טייכלעך מיט קאיאק שיפלעך פארטן און פישעריי דאקן. די צענטער האט אויסשטעלונגען און אינפארמאציע ערקלערנדיג קלימאט טויש קאנסעקווענצן, קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט פראצעדורן און עווייראמענטאלע פאראנטווארטליכקייט, און עס האט אויך א דאק וואס שטייט איבער העמפּסטעד לעיק. נאך גאנץ-יאריגע בידלונג פראגראמען וועלן פארבעסערן די קאמיוניטי'ס פארשטאנד פון און פארבינדונג מיט די מיל ריווער וואסער שטרוים.

די צענטער האט א פלאץ פאר קאמיוניטי, פאר ענווייראמענטאלע אויפקלערונג, נישט-פאר-פארדינסט ארגאניזאציעס, חינוך אינסטיטוציעס און קאמיוניטי ארגאניזאציעס. די נעסאו קאונטי געזעץ אינפארסירונג אנטדעקונג פראגראם (Nassau County Law Enforcement Explorer Program), אנגעפירט דורך די נעסאו קאונטי פאליציי דעפארטמענט, פלאנירט צו נוצן די צענטער צו זיך צוזאמטרעפן מיט די קאמיוניטי, באקעמפנדיג באנדע געוואלדטאטן דורכן רעדן אויף א פאזיטיווע אופן מיט די יונגווארג דורך הדרכה און אויפקלערונג.

די פלאץ קען אויך דינען אלץ א שטורעם אפרוף קאמענד צענטער פאר לאקאלע קאטאסטראפע אפרוף קאארדינעישען פאר ערשטע הילף, און אזוי אויך אלץ א פלאץ פאר יוּטיליטי פירמעס צו קאארדינירן דאס צוגרייטונג פון עקוויפּמענט, פארבעסערנדיג זייער עמערדזשענסי אפרוף צו צוריקברענגען שנעל קריטישע יוּטיליטיס.

די צענטער איז געבויט געווארן אויף א וועג וואס רעדוצירט די ענווייראמענטאלע שאדנס מיט די פאלגנדע וויכטיגע זאכן:

- פארגעשריטענע פארזיגלטע ווענט און הייצונג/קילונג סיסטעם.
- סאלאר (זון ענערגיע) דאך פאנעלן, LED באלייכטונג וואס פיהלט אויב איינער איז אויפן ארט און נוצן די זון שטראלן פאר עלעקטריציטעט.
- שפארזאמע פלאמבינג איינריכטונגען וואס נוצן ווייניג-ביז-גארנישט קיין וואסער.
- פענסטערס און דורכזיכטיגע טירן וואס שעדיגן נישט קיין פייגלעך.

**סטעיט פארק קאמישאנער עריק קאלעסייד האט געזאגט**, "די צענטער וועט צושטעלן רייכע חינוך פראגראמען איבער אונזער טוישנדע קלימאט, און עס וועט גיבן באזיכער די ערפארונג פון היטן אליין אויף די ענווייראמענט מיט די אייגענע הענט, און אין די זעלבע צייט וועט עס דינען אלץ די טויער פאר די קאמיוניטי וואס קומט שפאצירן אין די פארק. איך בין גאר דאנקבאר פאר גאווערנאר האוקאל און פאר אלע אונזערע מיטארבייטער פארן אונז העלפן ברענגן די גאר-נויטיגע מאדערנע אויפקלערונג פלאץ צו די קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) קאמישאנער רוט-ען וויסנאסקעס האט געזאגט**, "אזוי ווי מיר באקעמפן די קאנסעקווענצן פון קלימאט טויש, ווי טיפער אונזער קענטעניס איבער די שוועריגקייטן וואס מיר וועלן האבן, אלץ בעסער קענען מיר זיי אדרעסירן אויף א זיכערע, פארשטאנדיגע און ווירקזאמע אופן. אלץ טייל פון די 125 מיליאן דאלארדיגע 'Living with the Bay' אונטערנעמונג, איז די הערליכע ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדהאפטיגע צענטער א וויכטיגע אינוועסטירונג אין קאטאסטראפע פארוואלטונג, אבער עס איז אויך אן אינוועסטירונג צו פארמערן פערזענליכע שטאנדהאפטיגקייט, זיכערהייט און אויפמערקזאמקייט. גאווערנאר האוקאל און אונזערע מיטארבייטער אין די סטעיט און לאקאלע רעגירונגען האבן ווידעראמאל

ארויסגעוויזן אז אין די זעלבע צייט וואס מיר פארשטערקערן אונזער פיזישע אינפראסטראקטור צו האלטן קאמיוניטיס ווי העמפסטעד זיכער, קענען מיר זיך אויך קאנצענטרירן צו פארבעסערן די קוואליטעט פון מענטשן'ס לעבנס."

**גאווערנאר'ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג (Governor's Office of Storm Recovery) דעפיוטי עקזעקיוטיוו דירעקטאר פאר האוזינג, אויסקויפונגען און איינשאפונגען, פאול לאציטאָו, האט געזאגט,** "די גאווערנאר'ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג איז באגייסטערט צו פייערן די פארענדיגונג פון די נייע אויפקלערונג און שטאנדהאפטיגקייט צענטער ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פארק צוזאמען מיט די איינוואוינער פון לעיקוויו, העמפסטעד און גאנץ נעסאו קאונטי. מיר קוקן ארויס צו ממשיך זיין אונזער שותפות מיט ניו יארק סטעיט פארקס אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו פארבעסערן די וויכטיגע קאמיוניטי פארמעגן פאר פילע קומענדיגע יארן און צו דורכפירן די ציהלן פון די 'Living with the Bay' פלאן צו פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט, ענווייראמענט און קאמיוניטי."

די פראיעקט איז א טייל פון די גאווערנאר'ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג'ס 125 מיליאן דאלארדיגע 'Living with the Bay' אונטערנעמונג צו פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט פון קאמיוניטיס לענגאויס די מיל ריווער און ארום די דרום ברעג'ס וואסער איינגאסן דורכן פארמינערן די שאדנס פון שטורעמס; זיך אפגעבן מיט שטורעם וואסערן צו פארמינערן שאדנס פון אפטע רעגן; פארבעסערן קוואליטעט פון וואסער און באשעפענישן; און פארגרינגערן צוטריט צו די מיל ריווער דורך חינוך'דיגע און הנאה'דיגע געלעגנהייטן. נאך פארבעסערונגען צו די העמפסטעד לעיק פארק וואס זענען יעצט אונטערוועגנס רעכענען אריין: פארבעסערן די איינציגסטע סכנות'דיגע דאמבע אין לאנג איילענד – די העמפסטעד לעיק דאמבע; צפון-מערב טייכל אפגוס פאררעכטונג; אינסטאלירן שווימנדע שמוץ כאפער אין די צפון טייכלעך זיך צו אפגעבן מיט שמוץ און מיסט וואס קומען אריין אין די סיסטעם פון דערנעבנדע שטאטישע געגנטער; אינסטאלירן שטורעם וואסער און וואסער קוואליטעט פארבעסערונגען אין די צפון טייכלעך; צוריקברענגען באשעפענישן; אנטוויקלונג פון גרינוועי טרעילס מיט פיסגייער בריקן צו פארגרינגערן פובליק צוטריט צום וואסער ברעג; פארבעסערן די טרעיל סיסטעם דורך די פארק פאר הייקינג, פארן מיט ביציקלעך אדער רייטן אויף פערד.

**טעניס הויף קאמפלעקס פארבעסערונגען**

די עפענונג פונעם צענטער קומט אויס אין די זעלבע צייט פון די פארענדיגונג פון א פראיעקט פון מערערע שטאפלען צו איבערמאכן און פארבעסערן די פארק'ס טעניס הויף קאמפלעקס. די 1 מיליאן דאלארדיגע פראיעקט האט איבערגעבויט זאמדיגע און פעך טעניס הויפן, געמאכט זעקס נייע 'פיקלבאל' הויפן, רענאווירט די בעסקעט באל הויפן און איבערגעמאכט די בית הכסא.

ניו יארק סטעיט'ס אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס און שיפלעך פארטן, וועלכע זענען באזוכט געווארן דורך א רעקארד פון 78 מיליאן מענטשן אין 2020. פאר מער אינפארמאציע אויף סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, רופט 518-474-0456 אדער באזוכט parks.ny.gov, פארבינדט אייך מיט אונז אויף פעיסבוק, אדער פאַלאָוט אונז אויף טוויטער. די אומזיסטע New York State Parks Explorer (ניו יארק סטעיט פארק אנטדעקונג) טעלעפאן עפּ איז דא צו באקומען פאר iOS און ענדרויד טעלעפאנען. צו דאַונלאָודען, באזוכט: גוּגל פלעי סטאר, NY State Parks Explorer עפּ אדער עפל סטאר, NY State Parks Explorer עפּ

**פאראייניגטע שטאטן סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "נאכפאלגנדיג האריקעין סענדי האב איך שווער געקעמפט צו פארזיכערן ביליאנען דאלאר אין פעדעראלע געלטער פאר גרינע, שטאנדהאפטיגע אינפראסטראקטור פאר ניו יארק, אריינרעכענענדיג 125 מיליאן דאלאר ספעציעל פאר

מיל ריווער וואסער אפגוס פארפלייצונג פארמיידונג אנשטרענגונגען. די ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדהאפטיגקייט צענטער איז בלויז איינס פון די פילע קריטישע פראיעקטן וואס די געלטער האבן אויסגעצאלט, נישט נאר אין העמפסטעד לעיק סטעיט פארק, נאר אויך איבער די גאנצע דרום-מערב נעסאו קאונטי צו באשיצן קעגן שטורעמעס, פארבעסערן וואסער קוואליטעט, צוריקברענגען נאטורליכע באשעפענישן און בעסער פארשטיין די שוועריגקייטן קעגן וועלכע אונזערע קאמיוניטיס שטייען מיט א טוישנדע קלימאט."

**פאראייניגטע שאטן קאנגרעס פרוי קעטעלין רייס האט געזאגט,** "איך בין זייער באגייסטערט פאר די עפענונג פון די ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדהאפטיגקייט צענטער ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פרק, וועלכע וועט דינען אלץ א פלאץ זיך צו צוזאמצוטרעפן מיט לאקאלע קאמיוניטיס און פאר חינוך'דיגע פראגראמען, און אזוי אויך, אלץ אן עמרדזשענסי קאארדינעישען צענטער דורכאויס שטורעמעס און אנדערע נאטורליכע קאטאסטראפעס. מינאריטעט קאמיוניטיס ווערן איגנארירט צו אפט אין די רייד ארום קלימאט טויש, און איך האף אז די נייע צענטער וועט דאס טוישן. אזוי ווי מיר זענען ממשיך צו זעהן שטערקערע שטורעמעס, פארפלייצונגען און אנדערע קאנסעקווענצן פון קלימאט טויש דא אויף לאנג איילענד, וועל איך ווייטער קעמפן פאר פעדעראלע פינאנסירונג אין די קאנגרעס צו פארבעסערן אונזערע שטאנדהאפטיגקייט און קאטאסטראפע אפרוף מעגליכקייטן."

**סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** "ענווייראמענטאלע אויפקלערונג האלט אונזער נאטורליכע וועלט געזונט, אונזער עקאנאמיע פראדוקטיוו און אונזערע קאמיוניטיס בליהענד. די נייע ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדאפטיגקייט צענטער ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פארק וועט פארמערן ענווייראמענטאלע פארשטאנד, אנערקענונג און פארמישונג אין די קאמיוניטי פאר קומענדיגע דורות. איך וויל באדאנקען די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג און די גאווערנאר'ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג פאר זייערע אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן אונזערע ווירדיגע נאטורליכע רעסארסן און צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר די איינוואוינער."

**אסעמבלי מעמבער טעילאר דארלינג האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז די ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדאפטיגקייט צענטער ביי העמפסטעד לעיק סטעיט פארק עפנט זיך אויף!!! דאס איז וואונדערבארע נייעס. די צענטער וועט ברענגען אזויפיל געלעגנהייטן פאר אונזערע קינדער אין יעדן עלטער צו לערנען, און מיט די צייט צו רעדוצירן די פארפלייצונגען און פארבעסערן די וואסער קוואליטעט לענגאויס מיל ריווער קארידאר. דאס איז א געוואלדיגע אנטווארט צו אונזערע גאר גרויסע ענווייראמענטאלע באדערפענישן. העמפסטעד לעיק סטעיט פארק איז ווייטער א עיר המקלט פאר ווילדע באשעפענישן און עס איז א שטילע פלאץ צו רוהען און/אדער פאר פיזישע אקטיוויטעטן. די קאמיוניטי איז אזוי באגייסטערט איבער די רענאוואציע צו די טעניס הויף קאמפלעקס. די געוואלדיגע פארבעסערונגען וועלן ערמוטיגן נאך בעסערע איבערלעבענישן פאר פילע קומענדיגע יארן. איך וויל באדאנקען יעדן איינעם וואס האט ערמעגליכט די פארשריט, באזונדערס אונזער פארקס דעפארטמענט (איר זענט די בעסטע!). דאס איז א גרויסע עררייכונג פאר אלע וועלכע זענען געווען פארמישט!!"

**אסעמבלי מעמבער דזשודי גריפין האט געזאגט,** "מיט די לעצטיגע אויפשטייג פון שטורעמעס, האבן מיר אלע צוגעזעהן די געפארפולע השפעה פון קלימאט טויש אויף לאנג איילענד. דערפאר איז עס גאר וויכטיג אז ניו יארק סטעיט זאל ווייטער פירן די וועג מיטן אונטערנעמען אנטשלאסענע שריט מיט א פילפאכיגע צוגאנג. די נייע ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און שטאנדהאפטיגקייט צענטער ביי העמפסטעד לעיק סטעיט איז א ריזיגע טריט פאראויס מיטן אויפקלערן אונזער קאמיוניטי איבער שטורעם שטאנדהאפטיגקייט און איבער די קאנסעקווענצן פון קלימאט טויש, און איך בין שטאלץ צו האבן דאס אין די צענטער פון אונזער דיסטריקט. איך טוה אפלאדירן גאווערנאר האוקאל פארן זעהן אז די געוואלדיגע ענווייראמענטאלע פראיעקט זאל ווערן א מציאות, וויבאלד עס ברענגט גרויסע בענעפיטן צו אונזער געגנט."

**קאונטי עקזעקיוטיוו לאורא קאָרען האט געזאגט,** "היינט איז א גרויסע טאג פאר נעסאו קאונטי. אין צוגאב צו די פארבעסערונגען אין שטאנדהאפטיגקייט, וואסער קוואליטעט און וואוינונג פאר באשעפענישן וואס גייען אן ביי העמפסטעד לעיק פארק, וועט די נייע פלאץ דינען אלץ א חינוך'דיגע קאמיוניטי צענטער וואס די נעסאו קאונטי פאליציי דעפארטמענט וועט אויסנוצן זיך צו טרעפן און צו גיבן הדרכה פאר יונגווארג פון שווארצע געגנטער. נעסאו קאונטי וועט ממשיך זיין צו ארבעטן צוזאמען מיט די סטעיט צו אריינמישן די לאקאלע קאמיוניטיס אין די ענינים פון ענווייראמענטאלע באשיצונג און צו פארזיכערן אז לאנג איילענד בלייבט זיכער, הערליך און באוואוינבאר פאר קומענדיגע דורות."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט איף ניו יארק'ס אומפארגלייכבארע אינוועסטירונגען צו מאכן מער ריינע ענערגיע אריינעמענדיג איבער 21 ביליאן דאלאר אין 91 גרויסע נייבארע ענערגיע דורך די שטאט, 6.8 ביליאן דאלאר צו פארמינערן בילדינג ארוירינונג, 1.8 ביליאן דאלאר צו ארויפריקן סאלאר, און מער ווי 1.2 ביליאן דאלאר אין NY גרין באנק פארפליכטונג. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען איבער 150,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2019, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביים יאר 2035. נוצנדיג די קלימאט אקט אלץ אנווייזונגען, וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט וואס איז שוין געמאכט געווארן און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו שוואכערע קאמיוניטיס, און עס וועט מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס ענערגיע שפארזאמקייט ציהל פאר 2025 צו רעדוצירן אויפן-ארטיגע ענערגיע באנוץ מיט 185 טריליאן BTU'ס פון ענערגיע וואס קען גענוצט ווערן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך אויסשרייבן